NEW

# לקוטי שיחות

CHUKAS חקת

VOLUME 2, P. 331–336

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# CHUKAS I | חקת א

Adapted from a *sichah* delivered on *Yud-Beis Tammuz,* 5713 (1953)

## Introduction

What makes a true leader? When faced with a crisis that demands stepping beyond his natural tendency, does he delegate, wait for others to step forward, or does he confront the issue despite the personal challenge it demands?

During their journey through the desert, the Jews had three leaders – Moshe, Aharon, and Miriam. Three miracles – the manna, the Clouds of Glory, and the well – came in their respective merits. When Aharon and Miriam died during the Jews' journey through the desert, the miraculous gifts associated with each leader – the Clouds of Glory and the well – disappeared with them.

Now, Moshe's natural role was that of a teacher and guide. Moreover, just as he provided the people with spiritual nourishment, in his merit came the manna which provided them material nourishment. However, the protection provided by the Clouds of Glory and the water coming from the well had come in the merit of Aharon and Miriam because these miracles matched their spiritual qualities – not Moshe's. Yet, when they died, he stepped beyond his natural role and accepted those responsibilities as well.

By doing so, he provides a model not just for designated leaders, but for every individual who encounters moments when the community's needs exceed the available resources. Through the lens of Moses's example, we discover that true leadership isn't defined by title or expertise, but by the readiness to become more than ourselves when circumstances demand it.

# Understanding a Leader's Role

## Every Story a Life Lesson

**Among our Sages'**[1] **teachings regarding this week's Torah reading,** ***Parshas Chukas,*** **is the concept that the Clouds of Glory** that protected the Jews through their 40-year journey through the desert **came due to Aharon's merit; the well that** accompanied them during that time **came due to Miriam's merit; and the manna** they ate throughout that time **came due to Moshe's merit. When Aaron and Miriam died, the Clouds of Glory disappeared and the well ceased, but they later returned due to the merit of Moshe.**

By telling us the above, the Torah is not merely conveying information. **True, the Torah is wisdom, as it is written,**[2] **"for it is your wisdom and understanding in the eyes of the nations." Nevertheless, its name does not connote "wisdom." Instead, the name "Torah" is derived from the word** ***hora'ah,*** **meaning "instruction."**[3] **The intent is that every matter related in the Torah instructs and guides us in our daily lives, at all times and in all places.**

**In other words, not only the Torah's commandments – the positive commandments and the negative commandments – are** intended as **instruction for our lives, but also its stories serve that purpose. This is borne out by the fact that even the commandments were not written in the manner of direct command but in a narrative form:** The Torah relates that **G-d conveyed** the commands **to Moshe and Moshe communicated** them **to the Jews. Just as the commandments, al-**

א. אִין מִדְרָשֵׁי חֲזַ״ל וֶועלְכֶע זַיְינֶען פַּארְבּוּנְדְן מִיט דֶער הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה - פַּרְשַׁת חֻקַּת - רֶעדט זִיךְ אַרוּם אַז דִי עֲנָנֵי הַכָּבוֹד זַיְינֶען גֶעוֶוען אִין אַהֲרֹן׳ס זְכוּת, דֶער בְּאֵר (מַיִם) אִיז גֶעוֶוען אִין מִרְיָם׳ס זְכוּת אוּן דֶער מָן אִיז גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן מֹשֶׁה. וֶוען אַהֲרֹן אוּן מִרְיָם זַיְינֶען נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן זַיְינֶען אוֹיךְ צוּגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן דִי עֲנָנֵי הַכָּבוֹד מִיטְן בְּאֵר, אוּן זַיְינֶען נָאכְדֶעם צוּרִיקְגֶעקֶערְט גֶעוָוארְן אִין זְכוּת פוּן מֹשֶׁה[א].

הֲגַם אַז תּוֹרָה אִיז חָכְמָה, ווִי עֶס שְׁטֵייט[ב] כִּי הִוא חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם לְעֵינֵי הָעַמִּים, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶוערְט עֶס נִיט אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען חָכְמָה נָאר מִיטְן נָאמֶען תּוֹרָה, מִלְּשׁוֹן הוֹרָאָה[ג], דָאס הֵייסְט אַז יֶעדֶער עִנְיָן וָואס עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אִין תּוֹרָה אִיז דָאס אַ הוֹרָאָה (אָנְווַיְיזוּנְג) אַלֶע מָאל אוּן אוּמֶעטוּם אִין טָאג־טֶעגְלֶעכְן לֶעבְּן.

דָאס הֵייסְט, אַז נִיט נָאר דִי מִצְוֹת וָואס אִין תּוֹרָה, מִצְוֹת עֲשֵׂה וּמִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה, זַיְינֶען אַ הוֹרָאָה אִין לֶעבְּן, נָאר אוֹיךְ דִי סִפּוּרִים פוּן תּוֹרָה, זַיְינֶען אַ הוֹרָאָה אִין לֶעבְּן. וָוארוּם אוֹיךְ דִי מִצְוֹת זַיְינֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן נִיט בְּדֶרֶךְ צִיוּוּי נָאר בְּדֶרֶךְ סִפּוּר, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֹשֶׁה׳ן אוּן מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט דִי אִידְן. אוּן

1. *Taanis* 9a.

2. *Devarim* 4:6.

3. *Zohar,* Vol. III, p. 53b. *Gur Aryeh* (by *Maharal* of Prague), the beginning of *Parshas Bereishis*, quoting *Radak.*

though they were written in a narrative form constitute instructions, so too, the Torah's stories serve as instruction since the stories are also part of the Torah.

For this reason, *Rambam*[4] writes – and this is also alluded to in the Gemara[5] – that there is no difference between the verse,[6] "Lotan's sister was Timna" and the verse,[7] *Shema Yisrael*, even though the verse *Shema* constitutes one of the Torah's fundamental commandments and the verse "Lotan's sister…" is no more than a story. Both are related as narratives, both convey instruction, and both represent G-d's wisdom and will. Thus, just as all the narratives in the Torah convey instruction, so too, the aforementioned narrative concerning the Clouds of Glory, the well, and the manna conveys instruction for our lives.

אַזוֹי ווִי דִי מִצְווֹת, הֲגַם זֵיי זַיְינֶען גֶעשְׂרִיבְּן גֶעווָארְן בְּדֶרֶךְ סִיפּוּר, זַיְינֶען אַ הוֹרָאָה, אַזוֹי זַיְינֶען אוֹיךְ דִי סִפּוּרִים אִין תּוֹרָה אַ הוֹרָאָה, ווָארוּם אוֹיךְ דִי סִפּוּרִים זַיְינֶען אַ חֵלֶק פוּן תּוֹרָה.

- דֶערְפַאר שְׁרַייבְּט דֶער רַמְבַּ"ם[ד], אוּן אוֹיךְ אִין גְמָרָא[ה] אִיז דָאס פַארַאן בְּרֶמֶז, אַז עֶס אִיז נִיטָא קֵיין חִילוּק פוּן דֶעם פָּסוּק[ו] וַאֲחוֹת לוֹטָן תִּמְנָע מִיטְן פָּסוּק[ז] שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, הֲגַם אַז דֶער פָּסוּק שְׁמַע וגו' אִיז אֵיינֶע פוּן דִי מִצְווֹת עִקָּרִיִּים אוּן דֶער פָּסוּק וַאֲחוֹת וגו' אִיז מֶער נִיט ווִי אַ סִפּוּר, ווָארוּם בֵּיידֶע זַיְינֶען סִפּוּרִים, אוּן בֵּיידֶע זַיְינֶען הוֹרָאוֹת, אוּן בֵּיידֶע זַיְינֶען חָכְמָתוֹ וּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ -

אוּן אַזוֹי ווִי אַלֶע סִפּוּרִים אִין תּוֹרָה זַיְינֶען הוֹרָאוֹת, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער סִפּוּר הַנַּ"ל אַ הוֹרָאָה אִין לֶעבְּן.

## The Torah's Three-Fold Function

2. Parallels to these three miraculous elements — the Clouds of Glory, the manna, and the well — can be understood as existing within the Torah itself.

The Clouds of Glory protected the Jews from the outside, shielding them from the winds from all four directions, killing the serpents in the wilderness, leveling mountains,[8] and cleaning their garments, as our Sages[9] comment on the verse,[10] "Your garments did not wear out upon you." All these involved external protection.

By contrast, the manna was eaten. In it, it was possible to taste any flavor one desired.[11]

ב. דִי דְרַיי עִנְיָנִים: עַנְנֵי הַכָּבוֹד, מָן אוּן מַיִם, זַיְינֶען פַארְשְׁטַאנְדִיק, אוּן זֵיי אַלֶע זַיְינֶען פַארַאן אִין תּוֹרָה.

דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד הָאבְּן מֵגִין גֶעווֶען מִבְּחוּץ. זֵיי הָאבְּן מֵגִין גֶעווֶען פוּן דִי ד' רוּחוֹת, גֶע'הַרְגֶ'ט דִי נְחָשִׁים ווָאס זַיְינֶען גֶעווֶען אִין מִדְבָּר, אוֹיסְגֶעגְלַייכְט דִי הָרִים[ח], אוֹיסְגֶערֵייניקְט דִי לְבוּשִׁים, ווִי עֶס שְׁטֵייט[ט] שִׂמְלָתְךָ לֹא בָלְתָה מֵעָלֶיךָ. ווָאס דָאס זַיְינֶען אַלְץ עִנְיָנִים פוּן מֵגִין זַיְין מִבְּחוּץ.

דֶער מָן אִיז אַן עִנְיָן פוּן אֲכִילָה. אִין דֶעם מָן הָאט מֶען דָאךְ גֶעקֶענְט פִילְן אַלֶע טַעֲמִים ווָאס מֶען הָאט גֶעווָאלְט', ווָאס

4. *Rambam's* Commentary on the Mishnah, Introduction to *Sanhedrin*, ch. 10, the eighth of his Thirteen Principles of Faith.

5. *Sanhedrin* 99b.

6. *Bereishis* 36:22.

7. *Devarim* 6:4.

8. *Mechilta, Beshalach, pesichasa; Bamidbar Rabbah* 1:2; *Midrash Tanchuma, Parshas Beshalach,* sec. 3.

9. *Pesikta d'Rav Kahana, piska vayehi beshalach* quoted by *Rashi* on the verse cited below.

10. *Devarim* 8:4.

11. *Yoma* 75a.

**Eating involves ingesting** food which becomes assimilated **into one's inner being.**

**The well** provided the Jews with **water, something that itself is not nourishing. For this reason,** ***Rambam***[12] **explains that the reason water cannot be used for an** ***eiruv chatzeiros*** **is that an** ***eiruv*** **requires nourishing food and water does not provide nourishment.** Instead, **the function of water is that it** enables **nourishment** to be **distributed to all parts of the body.**

**Similarly, there are** parallels to **all three of these elements within the Torah. There is an element of Torah** instruction **that is internalized, another element that offers external protection, and** a third element **that distributes** and delivers **these two elements to all Jews.**

דֶער עִנְיָן פוּן אֲכִילָה אִיז אַרַיינְנֶעמֶען אִין אַ פְּנִימִיוּת.

דֶער בְּאֵר וָואס דָאס אִיז מַיִם, אִיז דָאס נִיט קֵיין דָּבָר הַמֵּזִין מִצַּד עַצְמוֹ. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם[יא] דֶעם טַעַם פַארְוָואס אֵין מְעָרְבִין בְּמַיִם וַוייל אַ דָּבָר הַמְעָרֵב אִיז אַ דָּבָר הַמֵּזִין דַּוְקָא אוּן מַיִם אִיז נִיט קֵיין דָּבָר הַמֵּזִין. דִי פְּעוּלָּה פוּן מַיִם אִיז וָואס מַיִם טְרָאגְט פַאנַאנְדֶער דֶעם עֶסְן אִין אַלֶע טֵיילְן פוּן קֶערְפֶּער.

אוּן אַזוֹי זַיְינֶען אוֹיךְ אִין תּוֹרָה פַאַרַאן דִי אַלֶע דְרַיי עִנְיָנִים. עֶס אִיז פַאַרַאן דָאס וָואס תּוֹרָה גִיט אִין אַ פְּנִימִיוּת, אוּן עֶס אִיז פַאַרַאן דָאס וָואס תּוֹרָה אִיז מֵגִין מִבְּחוּץ, אוּן עֶס אִיז פַאַרַאן דָאס וָואס תּוֹרָה טְרָאגְט פַאנַאנְדֶער דִי צְווֵיי עִנְיָנִים צוּ אַלֶע אִידְן.

## Individuality and Uniformity; When Each Applies

**3. As mentioned earlier, the word Torah is derived from the word** ***hora'ah*****, meaning** "instruction"; i.e., **the Torah teaches** a person **how to conduct himself** – how to **live. This is the inward-oriented element of the Torah – paralleling the manna** – the element that **one must understand and internalize, so as to know the way he, his household, and his children should conduct themselves.**

**There are differences between one Jew and another regarding this aspect of the Torah.** Since **it parallels the manna** and like, it **involves internalization, it varies with each person according to his** individual **nature** and understanding. Now, **there were differences regarding** the way the Jews received **the manna.**[13] Thus, the Torah refers to it as **bread,**[14] yet

ג. מֶען הָאט גֶערֶעדט פְּרִיעֶר אַז תּוֹרָה אִיז מִלְּשׁוֹן הוֹרָאָה, דָאס הֵייסְט אַז תּוֹרָה לֶערְנְט דִי הַנְהָגָה ווִי צוּ פִירְן זִיךְ אִין לֶעבְּן. דָאס אִיז וָואס תּוֹרָה גִיט אִין אַ פְּנִימִיוּת - אַזוֹי ווִי דֶער מָן - וָואס מֶען דַארְף דָאס פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרַיינְנֶעמֶען אִין אַ פְּנִימִיוּת, אוֹיף ווִיסְן ווִי עֶס זָאל זַיְין דִי הַנְהָגָה פוּן אִים, פוּן בְּנֵי בֵיתוֹ וּבָנָיו אַחֲרָיו.

מִצַּד דֶעם עִנְיָן אִין תּוֹרָה וָואס אִיז דוּגְמַת הַמָּן, זַיְינֶען פַאַרַאן חִילוּקִים פוּן אֵיין אִידְן בִּיז אַ צְווֵייטְן, וָוארוּם ווִיבַּאלְד עֶס אִיז אַן עִנְיָן פוּן פְּנִימִיוּת אִיז דָאס בַּיי יֶעדֶער אֵיינֶעם לוֹיט זַיְין אוֹפֶן. אַזוֹי ווִי אִין מָן זַיְינֶען גֶעווֶען חִילוּקִים פוּן לֶחֶם בִּיז

12. *Rambam's* **Commentary on the Mishnah,** *Eiruvin* 3:1.

13. See *Yoma, loc. cit.*

14. *Shmos* 16:4, *et al.*

it also says that it was **ground in mills.**[15] **The righteous** would receive loaves, **ready to be eaten, while the wicked** would receive **it differently:** they had to grind the manna and prepare it.[11]

By contrast, **there were no differences regarding** the manner in which the Jews benefited from **the Clouds of Glory and the well;** regarding these miracles, everyone was the same. **But, specifically regarding the manna, because it involved internalization,** there were differences among the people.

**Similar** concepts apply regarding **the Torah;** people's obligations vary. **There are those who, if it is not possible otherwise,** may **fulfill their obligation for Torah study through reciting the *Shema*** twice daily,[16] **while there are those for whom the obligation of Torah study applies literally the entire day.**[17]

**The same applies regarding *hiddurim,*** observing *mitzvos* in a meticulous manner that beautifies and enhances their observance.[18] **Moreover, there are *hiddurim* that a person** on an elevated spiritual level **is obligated to observe, while one who is** on a lesser spiritual stature **must refrain from performing;** indeed, **observing them appears as an act of arrogance** and conceit. There are stringencies that **an ordinary person may not keep, while a distinguished person is obligated to follow.** Indeed, **if he fails to do so, he has desecrated G-d's name.**[19]

דָכוּ בַּמְּדֹכָה וגו׳[יב]: בַּיי צַדִּיקִים אִיז גֶעוועֶן דֶער מָן מוּכָן אוּן בַּיי רְשָׁעִים אִיז גֶעוועֶן אַנְדֶערְשׁ - בַּיי דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד אוּן בַּיי דֶעם בְּאֵר זַיְינֶען נִיט גֶעוועֶן קֵיין חִילוּקִים, נָאר בַּיי דֶעם מָן דַּוְקָא, ווַיְילֶע עֶס אִיז אַן עִנְיָן פוּן פְּנִימִיּוּת, - אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין תּוֹרָה. פַאַרַאן אַזֶעלְכֶע ווָאס, אוֹיבּ עֶס אִיז נִיט מֶעגְלֶעךְ אַנְדֶערְשׁ, זַיְינֶען זֵיי יוֹצֵא מִצְוַת תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט קְרִיאַת שְׁמַע[יג], אוּן פַאַרַאן אַזֶעלְכֶע ווָאס דֶער חִיּוּב תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז בַּיי זֵיי כָּל הַיּוֹם דַּוְקָא[יד].

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ אִין הִידּוּרִים[טו] - אוּן נָאךְ מֶער: פַאַרַאן הִידּוּרִים ווָאס דֶער ווָאס הַאלְט דֶערְבַּיי אִיז אִין זֵיי מְחוּיָּב, אָבֶּער דֶער ווָאס הַאלְט נִיט דֶערְבַּיי טָאר דִי הִידּוּרִים נִיט טָאן, ווָארוּם - מֶחְזֵי כְּיוּהֲרָא וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה. סְתַם אַ מֶענְטשׁ טָאר דָאס נִיט טָאן, אוּן אַן אָדָם חָשׁוּב אִיז דָאס מְחוּיָּב צוּ טָאן, אוּן אוֹיבּ נִיט - אִיז דָאס אַן עִנְיָן פוּן חִילּוּל הַשֵּׁם חַס וְשָׁלוֹם[טז].

## When We Are More than Ourselves

**4. There is another element in the Torah, one that parallels the Clouds of Glory, which provided protection from** Above.

Figuratively, living in this world can be considered as

ד. נָאךְ אַן עִנְיָן אִיז פַאַרַאן אִין תּוֹרָה ווָאס דָאס אִיז בְּדוּגְמַת עַנְנֵי הַכָּבוֹד, ווָאס דָאס אִיז אוֹיף מֵגִין זַיְין מִבְּחוּץ.

15. *Bamidbar* 11:8.

16 . ***Menachos* 99b; the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Hilchos Talmud Torah* 3:4.**

17. **See *Torah Or,* p. 98c;** see also the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Hilchos Talmud Torah* 3:5.

18. ***Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 84d. See *Kuntreis HaAvodah,* ch. 7.**

19. **See *Yoma* 86a.** There, the Talmud gives the example of Rabbi Yochanan who said, "[What constitutes desecration of God's name?] For example, if [someone like me] would walk four cubits without [studying] Torah and without *tefillin,*" conduct not expected of most people. Similarly, ***Rambam, Hilchos Yesodei HaTorah* 5:11,** gives examples of higher standards of conduct expected of Torah scholars.

**going out into the wilderness, for the totality of this** material **world is called "the world of *kelipos* and *sitra achra*."**[20] It can metaphorically be described by the verse,[21] **"A great and awesome wilderness [filled with] fiery serpents, and thirst where there is no water," but only *kelipos*. What protects** the Jewish people **is the power of *mesiras nefesh* that exists within all Jews – and within every Jew** individually. **This stems from the fact that Yisrael (יִשְׂרָאֵל) is an acronym for** the Hebrew phrase, **יֵשׁ שִׁשִּׁים רִבּוֹא אוֹתִיּוֹת לַתּוֹרָה, ("there are six hundred thousand letters in the Torah"),**[22] **and a Torah scroll must contain every letter to be valid.**[23] **Therefore,** since every Jew's identity stems from his individual letter in the Torah, **every Jew, even the most wayward, has the power of *mesiras nefesh*** ("self-sacrifice") **to give up his life in sanctification of G-d's name.**

The potential for self-sacrifice stems from the dimension of **the Torah** that parallels **the Clouds of Glory. The Clouds of Glory encompassed and enveloped all the Jews from the time of the splitting of the Sea of Reeds until they entered *Eretz Yisrael*. Among them** was an idolater **who carried his idol with him.**[24] **Similarly, there is a dimension of the Torah** – the aspect associated with **the 600,000 letters of the Torah – that encompasses all Jews, from the greatest of the great to the least of the least. This dimension endows them with the strength and power to traverse the "great and awesome wilderness" without being affected by the**

בְּשַׁעַת מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין אִין מִדְבָּר, וָואס דָאס אִיז כְּלָלוּת הָעוֹלָם הַזֶּה וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עוֹלַם הַקְלִיפּוֹת וְסִטְרָא אָחֳרָא"[ז], אַ מִדְבָּר גָּדוֹל וְנוֹרָא אֲשֶׁר אֵין מָיִם, נָאר קְלִיפּוֹת, נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב, אוֹיף דֶעם אִיז מֵגִין דֶער כֹּחַ הַמְּסִירַת נֶפֶשׁ וָואס בַּיי יֶעדֶער אִידְן, בַּיי אַלֶע אִידְן, מִצַּד דֶעם וָואס יִשְׂרָאֵל רָאשֵׁי תֵּיבוֹת יֵשׁ שִׁשִּׁים רִבּוֹא אוֹתִיּוֹת לַתּוֹרָה"[ח], אוּן דִי כַּשְׁרוּת פוּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה קוּמְט דוּרְך אַלֶע אוֹתִיּוֹת דַוְקָא"[ט], בְּמֵילָא אִיז יֶעדֶער אִיד, אוֹיך אַ קַל שֶׁבְּקַלִים, הָאט דֶעם כֹּחַ הַמְּסִירַת נֶפֶשׁ לִמְסוֹר נַפְשׁוֹ עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם.

אוּן דָאס זַיְינֶען דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד שֶׁבַּתּוֹרָה. אַזוֹי וִוי דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד הָאבְּן אַרוּמְגֶערִינְגְלְט אוּן אַרוּמְגֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן - פוּן דֶעם זְמַן פוּן קְרִיעַת יַם סוּף בִּיז זֵיי זַיְינֶען אַרַיְין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוֹיך אָט דִי וָואס הָאבְּן מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם פֶּסֶל, אוֹיך זֵיי הָאבְּן דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד אַרוּמְגֶענוּמֶען - אַזוֹי אִיז אוֹיך פַאראַן דֶער חֵלֶק אִין תּוֹרָה - דָאס וָואס יֵשׁ שִׁשִּׁים רִבּוֹא אוֹתִיּוֹת לַתּוֹרָה - וָואס עֶס נֶעמְט אַרוּם אַלֶע אִידְן, פוּן דֶעם גָּדוֹל שֶׁבִּגְדוֹלִים בִּיז דֶעם פָּחוּת שֶׁבִּפְחוּתִים, אוּן עֶס גִיט זֵיי דֶעם כֹּחַ אוּן דִי שְׁטַארְקַיְיט אוֹיף דוּרְכְגֵיין

---

20. ***Tanya*, the end of ch. 6.**

21. *Devarim* 8:15.

22. ***Megaleh Amukos, ofen* 186, (quoted in *Yalkut Reuveni*, beginning of *Parshas Bereishis*, and in *Yalkut Chadash, s.v. Torah*, sec. 178, sec. 157 in most prints), *et al.* Others have referred to the *Zohar Chadash, Rus*, on the verse** (*Rus* 4:7) ***Vezos lefanim beYisrael*.**

With regard to the Jewish people numbering **600,000: Although** over the course of history and in many generations, **the number of Jews exceeded** this figure, **it is known that 600,000 reflects the number of root-souls, and** like **a root** which **branches out into sub-roots, each root-**soul **subdivides into 600,000 sparks, each spark being one *neshamah*.** See ***Tanya*, ch. 37** (p. 48a). **Consult that source.**

With regard to the 600,000 letters in the Torah: Although there are only 304,805 actual letters in a Torah scroll, as explained in *Likkutei Torah, Vayikra*, p. 41b, *et al.*, the number 600,000 includes *osios hahemshech*, the vocalization signs, that exist in thought, but are not written.

23. **See *Zohar*, Vol. III, p. 71a; *Tikkunei Zohar, tikkun* 25.**

24. See *Sanhedrin* 103b, *Shmos Rabbah* 41:1, which speaks of the idol of Michah being carried through the Sea of Reeds.

"fiery serpents and scorpions" and to adopt a stance of *mesiras nefesh*.

My revered father-in-law, the Rebbe Rayatz, related[25] a story that illustrates the universality of this potential. During World War II, when bombs were being dropped on Warsaw, people would run to take shelter. Once, an entire group gathered in one place: the Rebbe Rayatz, average people, simple people, and those who thought they were completely unconnected to Judaism. When a bomb exploded not far from them, they all cried out with one voice: *Shema Yisrael*.

Accessing the *yechidah*[26] and the essence of the soul is very difficult. However, when that dimension is accessed – whether in the manner expressed in the above story or whether in a pleasant manner – all Jews, from the most wayward to the leader of the Jewish people, shout *Shema Yisrael* with the same intensity.[27]

It is possible that the reason the wayward were aroused to shout *Shema Yisrael* is because they were located in the same place as the Rebbe Rayatz who possessed a collective soul in which they were also included. Nevertheless, even if that was the reason, their being together with him aroused their *yechidah* and they shouted *Shema Yisrael* as an expression of their *yechidah*.

דֶעם מִדְבָּר גָּדוֹל וְנוֹרָא, נִיט נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן דִי נְחָשִׁים שְׂרָפִים וְעַקְרַבִּים, אוּן שְׁטֵיין מִיט אַ תְּנוּעָה פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶער שְׁוֶוער הָאט דֶערְצֵיילְט[25], אַז בְּשַׁעַת מֶען הָאט גֶעוָואָרְפְן דִי בָּאמְבֶּעס אִין וַוארְשָׁע אִיז מֶען גֶעלָאפְן בַּאהַאלְטְן זִיךְ. אַמָאל הָאט זִיךְ צוּזַאמֶענְגֶעקְלִיבְּן אִין אֵיין אָרְט אַ גַאנְצֶע קְבוּצָה: דֶער רֶבִּי, אֲנָשִׁים בֵּינוֹנִים, אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים אוּן אַזֶעלְכֶע וָואס הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז זֵיי זַיְינֶען אִינְגַאנְצְן נִיט שַׁיְיךְ צוּ אִידִישְׁקַיְיט. בְּשַׁעַת עֶס הָאט נִיט וַוייט פוּן זֵיי אוֹיפְגֶעְרִיסְן אַ בָּאמְבֶּע - הָאבְּן אַלֶע צוּזַאמֶען אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן פֶּה אֶחָד: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל.

בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט צוּ יְחִידָה שֶׁבְּנֶפֶשׁ אוּן צוּ עֶצֶם הַנְּשָׁמָה - עֶס אִיז נָאר שְׁוֶוער צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם, אָבֶּער בְּשַׁעַת מֶען קוּמְט צוּ צוּ דֶעם, צִי דוּרְךְ אַזַא אוֹפֶן צִי דוּרְךְ דַּרְכֵי נוֹעַם - דֶעמָאלְט שְׁרַייט דֶער קַל שֶׁבְּקַלִּים שְׁמַע יִשְׂרָאֵל מִיטְן זֶעלְבְּן תּוֹקֶף אַזוֹי וִוי דֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל.

עֶס קָאן אֲפִילוּ זַיְין, אַז דִי סִיבָּה וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען מִצַד דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין דִי ד' אַמּוֹת פוּן דֶער נְשָׁמָה כְּלָלִית וָואס זֵיי זַיְינֶען גֶעוֶוען פְּרָטִים פוּן אִיר, אָבֶּער דָאס אִיז אַ סִיבָּה וָואס עֶס הָאט מְעוֹרֵר גֶעוֶוען זֵייעֶר יְחִידָה. גֶעשְׁרִיעֶן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הָאבְּן זֵיי מִצַד זֵייעֶר אֵייגֶענֶער יְחִידָה.

## Enabling Access to the Sublime

5. The dimension of the Torah that parallels water is necessary so that every Jew can

ה. בִּכְדֵי עֶס זָאל זַיְין בַּיי יֶעדֶער אִידְן דֶער

---

25. *Sefer HaSichos Kayitz 5700*, p. 12.

26. *Yachid*, the root of *yechidah*, means "singular." *Yechidah* thus refers to the aspect of the soul that is singularly one with G-d.

27. On this basis, we can appreciate the connection between this level of soul with the Clouds of Glory. The *yechidah* is described as a *ko'ach makif*, "an encompassing power," for it represents the essence of the soul which transcends the soul's conscious powers. At this level, there is no difference between one Jew and another. Thus, it relates to the Clouds of Glory which encompassed all Jews as one.

attain the dimensions of **the Torah that parallel the manna and the Clouds of Glory. Just as water descends from a lofty** peak **to a low place, so too, the Torah has descended** from its spiritual source Above **and enclothed itself** in this **lowly** material world[28] to the extent that **"glorious wisdom is found in a loathsome container."**[29]

**As a result of the Torah's descent** into the material realm, **it is possible for every Jew to recite** verses from **the Written Law (even when he does not understand the meaning of the words** he recites) **or study the Oral Law (even when he comprehends no more than the straightforward meaning** of what he studies)[28] **and,** by doing so, attain the dimensions of **the Torah that parallel the manna and the Clouds of Glory.**

**Just as water carries nurture to all the portions of the body, similarly, the aspect of the Torah that parallels water – i.e., that descends and becomes enclothed in the material realm – draws down the dimensions of the Torah that parallel the manna and the Clouds of Glory to the entire camp of the Jewish people, to each Jewish man and woman**[30] **in everything he or she needs.**

מָן אוּן עֲנָנֵי הַכָּבוֹד וָואס אִין תּוֹרָה, אִיז דָאס דוּרְךְ דֶעם מַיִם שֶׁבַּתּוֹרָה, וָואס אַזוֹי ווִי מַיִם יוֹרְדִים מִמָּקוֹם גָּבוֹהַּ לְמָקוֹם נָמוּךְ, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ תּוֹרָה יָרְדָה וְנִתְלַבְּשָׁה לְמַטָּה[כא], אַ חָכְמָה מְפוֹאָרָה בִּכְלִי מְכוּעָר, וָואס מִצַּד דֶער יְרִידָה פוּן תּוֹרָה קָאן יֶעדֶער אִיד, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר זָאגְט תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב (אֲפִילוּ אַזַא וָואס וֵוייס נִיט דֶעם פֵּירוּשׁ הַמִּלּוֹת) אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה (אֲפִילוּ אַזַא וָואס וֵוייס מֶער נִיט ווִי דֶעם פֵּירוּשׁ הַפָּשׁוּט), קָאן עֶר דוּרְךְ דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מָן אוּן דִי עֲנָנֵי הַכָּבוֹד שֶׁבַּתּוֹרָה.

אַזוֹי ווִי וַואסֶער טְרָאגְט פַּאנַאנְדֶער דִי שְׁפַּיְיז אִין אַלֶע קֶערְפֶּער־טֵיילְן, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער מַיִם שֶׁבַּתּוֹרָה, דָאס הֵייסְט אָט דָאס וָואס יָרְדָה וְנִתְלַבְּשָׁה לְמַטָּה, טְרָאגְט דָאס פַּאנַאנְדֶער דֶעם מָן שֶׁבַּתּוֹרָה מִיט דִי עֲנָנֵי הַכָּבוֹד שֶׁבַּתּוֹרָה לְכָל מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל, לְכָל אֶחָד וְאַחַת[כב] מִיִּשְׂרָאֵל בְּהַמִּצְטָרֵךְ לוֹ וְלָהּ אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## The Three Leaders and Their Endowments

**6. This will also help us understand the connections between the manna and Moshe, the Clouds of Glory and Aharon, and the well and Miriam.**

**Moses was a shepherd of Israel, and he provided every** Jew with spiritual nurture, each **one according to his capacity. It is related**[31] **that when he tended the sheep** of Yisro, his father-in-law, **he**

ו. דֶערְמִיט וֶועט מֶען אוֹיךְ פַאֲרְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן מָן צוּ מֹשֶׁה'ן, פוּן עֲנָנֵי הַכָּבוֹד צוּ אַהֲרֹן'עֶן אוּן פוּן בְּאֵר צוּ מִרְיָם'עֶן.

מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען אַ רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט גֶעפִּיטֶערְט יֶעדֶער אֵיינֶעם לְפִי עֶרְכּוֹ, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט[כג] אַז בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט דִי שֶׁעפְּסְן,

---

**28.** ***Tanya,*** **chs.** 4, **51.**

29. Cf. *Taanis* 7a; *Nedarim* 50b. In other words, the material concepts concerning which the Torah speaks are considered "loathsome" when compared to its spiritual source.

**30. See the end of ch. 1 in the Alter Rebbe's *Hilchos Talmud Torah,*** where he clarifies a woman's obligation to study Torah.

**31.** The wording the Rebbe quotes is found in ***Midrash Tehillim,* ch. 78.** However, in that source, it is used in reference to King David. Nevertheless, **in the Buber edition of that text,** ch. 78, **footnote 152, the same wording is used regarding Moshe.** See also *Shmos Rabbah* 2:2.

**would give soft,** more easily digestible **grass to the younger sheep and thicker and stronger grass to the older sheep.** In a physical sense, **since shepherding involves** providing one's flock with food that must be ingested and digested until it is **internalized** within the sheep, the nurture **had to be adapted according to** the nature of **each individual animal. Similarly, the manna** – which provided the Jews with physical and spiritual nurture – was also **internalized.** As such, since it involved **individual differences, it was given due to the merit of Moshe,** the exemplar of a shepherd.

**Aharon "loved [all] created beings,"**[32] **meaning** he loved **even those** whose **sole** redeeming factor was **that** they **were** G-d's **creations.**[33] **Therefore,** the Torah **states,**[34] **"The entire House of Israel wept for Aharon thirty days," a statement not made about any other** leader. **Through** his expression of **love for all created beings, he also aroused a yearning in them for *mitzvos*,**[35] **which they would not have otherwise felt on their own.**

**Everything follows the principle of "measure for measure."**[36] **Accordingly, the Clouds of Glory were given due to Aharon's merit. Since he loved all created beings without distinction, he drew down the Clouds of Glory that encompassed all Jews equally.**

**Miriam is identified as Puah.**[37] **She** served as one of the midwives **in Egypt** and **devoted herself to attending to the small children specifically.**

**Why was she called Miriam?** Our Sages[38] explain that the name Miriam – deriving from the word *mar*, "bitter" – was given her **because she** lived **in the** most **difficult period of the exile** and, at that time, **prophesied that soon the redeemer of Israel would be born.**[39] **Through this, she nulli-**

הָאט עֶר דִי קְלֶענֶערֶע שֶׁעפְּסְן גֶעגֶעבְּן ווייכֶע גְרָאז, דִי גְרֶעסֶערֶע שֶׁעפְּסְן דִיקֶע אוּן שְׁטַארְקֶע גְרָאז, וָוארוּם וויבַּאלְד אַז מִרְעֶה אִיז אַן עִנְיָן פוּן פְּנִימִיּוּת הָאט דָאס גֶעדַארְפְט זַיְין צוּגֶעפַּאסְט לוֹיט יֶעדֶער אֵיינֶעם. דֶערְפַאר אִיז דֶער מָן וָואס דָאס אִיז פְּנִימִיּוּת וּבְהִתְחַלְּקוּת, גֶעוועֶן בִּזְכוּתוֹ שֶׁל מֹשֶׁה.

אַהֲרֹן אִיז גֶעוועֶן אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת[כד], דָאס הֵייסְט אַז אוֹיךְ דִי וָואס זַיְינֶען מֶער נִיט ווִי בְּרִיּוֹת[כה] הָאט עֶר זֵיי לִיבּ גֶעהַאט. דֶערְפַאר שְׁטֵייט דָאךְ אוֹיף אַהֲרֹן'עֶן[כו] וַיִּבְכּוּ אֶת אַהֲרֹן שְׁלֹשִׁים יוֹם כֹּל בֵּית יִשְׂרָאֵל, וָואס אוֹיף אַנְדֶערֶע שְׁטֵייט דָאס נִיט. אִיז דוּרְךְ דֶער אַהֲבָה וָואס זִי אִיז גֶעוועֶן צוּ אַלֶע בְּרִיּוֹת, הָאט עֶר אוֹיךְ בַּיי זֵיי אַרוֹיסְגֶערוּפְן אַ תְּשׁוּקָה צוּ מִצְווֹת[כז] כָאטשׁ מִצַד עַצְמָם הָאבְּן זֵיי נִיט גֶעהַאלְטְן דֶערְבַּיי. דֶערְפַאר זַיְינֶען בִּזְכוּתוֹ שֶׁל אַהֲרֹן גֶעוועֶן דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד, וָוארוּם יֶעדֶער זַאךְ אִיז דָאךְ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה[כח], אִיז וויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוועֶן אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת אָן הִתְחַלְּקוּת, הָאט עֶר מַמְשִׁיךְ גֶעוועֶן דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד וָואס זֵיי הָאבְּן אַרוּמְגֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן גְלַיְיךְ.

מִרְיָם, שְׁטֵייט דָאךְ אַז דָאס אִיז פּוּעָה[כט], וָואס זִי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן אוּן גֶעהָאדֶעוועֶט דַוְקָא דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין מִצְרַיִם. אוּן לָמָּה נִקְרָא שְׁמָהּ מִרְיָם, ווַיְילֶע זִי אִיז גֶעוועֶן אִין דֶעם זְמַן הַקּוֹשִׁי פוּן גָלוּת[ל], דָאךְ הָאט זִי נְבִיאוּת גֶעזָאגְט אַז בַּאלְד אִיז נוֹלָד מוֹשִׁיעָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל[לא], וָואס דֶערְמִיט

32. *Avos* 1:12.

33. See *Tanya,* ch. 32. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 316ff, which elaborates on this theme.

34. *Bamidbar* 20:29; *Yalkut Shimoni* on the verse.

35. *Avos D'Rabbi Nasan,* the beginning of ch. 12.

36. *Sotah* 1:7.

37. Ibid. 11b; *Rashi, Shmos* 1:15.

38. *Yalkut Shimoni,* sec. 162.

39. *Sotah* 11b, 13a; *Megilah* 14a.

**fied not only Pharaoh's decree but also Amram's decree,**[40] **even though Amram had a** convincing **reason for his decree.**

הָאט זִי מְבַטֵל גֶעווֶען נִיט נָאר דִי גְזֵרָה פוּן פַּרְעֹה נָאר אוֹיךְ דִי גְזֵרָה פוּן עַמְרָם'עֶן, הֲגַם אַז עַמְרָם הָאט גֶעהַאט אַ טַעַם אוֹיף זַיְין גְזֵירָה. זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ מְסִירַת נֶפֶשׁ אוֹיף צוּגְרֵייטְן קִינְדֶער וָואס זָאלְן זָאגְן זֶה אֵ־לִי וְאַנְוֵהוּ[לב], אַ דוֹר וָואס זָאל מְקַבֵּל זַיְין דִי תוֹרָה. בִּזְכוּתָהּ אִיז גֶעווֶען דֶער בְּאֵר - מַיִם - וָואס דֶער עִנְיָן פוּן מַיִם אִיז אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אוּן פַאנַאנְדֶערְטְרָאגְן דִי תוֹרָה לְמָקוֹם נָמוּךְ[לג], צוּ דִי וָואס זַיְינֶען בִּקְצֵה הַמַחֲנֶה.

**With** ***mesiras nefesh,*** **she** worked **to prepare children who would say, "This is my G-d and I will glorify Him,"**[41] **a generation that would receive the Torah. The well** – which **due to her merit** provided **water** – metaphorically, **enabled the descent of the Torah to a lower level,**[42] even **to those who were at the "edge of the camp,"** i.e., the outer fringe of the Jewish community.

## What True Leadership Demands

ז. כְּשֶׁנִסְתַּלְקוּ אַהֲרֹן וּמִרְיָם נִסְתַּלְקוּ עַנְנֵי הַכָּבוֹד מִיטְן בְּאֵר וְחָזְרוּ בִּזְכוּתוֹ שֶׁל מֹשֶׁה. פוּן דֶעם אִיז מוּכְרָח אַז מֹשֶׁה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טָאן אַ נַיְיעֶ עֲבוֹדָה. הֲגַם אַז זַיְין עִנְיָן מִצַד עַצְמוֹ אִיז גֶעווֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן רוֹעֶה זַיְין אֶת יִשְׂרָאֵל (מָן), הָאט דִי נַיְיעֶ עֲבוֹדָה גֶעבְּרַאכְט צוּרִיק אוֹיךְ דִי עֲנָנִים מִיטְן בְּאֵר.

**7. When Aharon and Miriam died, the Clouds of Glory disappeared and the well ceased, but they returned due to Moshe's merit. From this, it is evident that Moshe began to carry out new** phases of **service. Although his essential role was to be a shepherd of Israel** (providing the **manna), these new** phases in his service **brought back both the Clouds of Glory and the well.**

דֶער אֱמֶת'עֶר סִימָן פוּן אַ רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל אִיז אַז עֶר טוּט נִיט נָאר דִי עֲבוֹדָה וָואס אִיז שַׁיְיךְ צוּ אִים בְּעֶצֶם, נָאר, בְּשַׁעַת עֶס אִיז מוּכְרָח לְצוֹרֶךְ הַשָּׁעָה, פַארְבַּיְיגְט עֶר אוֹיף זִיךְ, עֶר לֵייגְט אַוֶועק זִיךְ אוּן אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּלִיבּ אִידְן.

**The true sign of a shepherd of the Jewish people is that he does not only carry out the service that is intrinsically connected to him, but when the situation necessitates, he sets aside his own concerns,**[43] **puts himself aside, and sacrifices himself for the sake of the Jewish people.**

בְּשַׁעַת מֶען דַארְף מְקָרֵב זַיְין לִבָּן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, אוֹיךְ אַ פָּחוּת שֶׁבִּפְחוּתִים, צוּ

**When it is necessary to bring the hearts of the Jewish people, even the least of the lesser ones,**

---

40. Pharaoh had decreed that all the male children born to the Jews should be cast into the Nile, because his astrologers had foretold that the redeemed of the Jews would be struck down due to water.* In response to that decree, Amram, the leader of the Jewish people who was to be Moshe's father, prompted the Jews to separate from their wives so that their children would not be killed. Miriam argued with her father and convinced him to return to his wife. As a result, Moshe was born. When Moshe's basket was cast into the Nile, Pharaoh's soothsayers told him that the redeemer of Israel had already met his fate and, consequently, Pharaoh rescinded his decree (*Sotah* 12a; *Shmos Rabbah* 1:18-19).

* Ultimately, this prophecy proved true. Moshe was prevented from entering *Eretz Yisrael* because he struck the rock to bring forth water at *Mei Merivah.*

**41.** *Shmos* 15:2. As stated in ***Sotah*** **11b,** it was the children saved from the Nile who acknowledged G-d first at the splitting of the Sea of Reeds.

**42.** ***Taanis*** **7a;** ***Tanya,*** **ch. 4.**

43. What were Moshe's "own concerns"? His own study and his desire for spiritual growth (*Likkutei Sichos,* Vol. 16, p. 428, translated in *Selections from Likkutei Sichos, Shmos,* p. 581).

**close to G-d, then the shepherd of Israel sets aside his own concerns and** does what is required for the people as a whole and for each individual Jew. **He will teach Jews the *alef-beis*, whether the *alef-beis*,** i.e., the basic elements **of the Torah and its *mitzvos*, or the *alef-beis* in a literal sense.**

The shepherd may question: **Since he is a *kohen*[44] and "even in their lifetime, the wicked are referred to as dead,"[45]** why should he involve himself with them? **What is a *kohen* doing in a cemetery?** He may further ask: **He is an elder who has acquired wisdom.[46] May he return a lost object? It is not befitting his honor[47] and it is not his role. His role is to teach the leaders of the Jewish people how to guide them, but not to** directly **deal with unworthy people.**

**Nevertheless, when Aharon and Miriam passed away and there was no one else to carry out** their roles, **the leader of the Jewish people took upon himself to engage in these affairs, even though it was not befitting his stature.**

אֱלֹקוּת, דַאן פַארְבַּייגְט דֶער רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל זַיְינֶע עִנְיָנִים, אוּן לֶערְנְט מִיט אִידְן אַלֶף־בֵּית, צִי א"ב פוּן תּוֹרָה וּמִצְווֹת צִי א"ב כִּפְשׁוּטוֹ. הֲגַם אַז עֶר אִיז אַ כֹּהֵן[לד] - אִיז אִין פְּלוּג וָואס טוּט אַ כֹּהֵן בְּבֵית הַקְּבָרוֹת, רְשָׁעִים בְּחַיֵּיהֶם קְרוּיִם מֵתִים[לד*]? עֶר אִיז אַ זָקֵן, שֶׁקָּנָה חָכְמָה[לה] - אִיז וִוי גֵייט אַ זָקֵן מַחְזִיר זַיְין אַן אֲבֵידָה? עֶס אִיז דָאךְ נִיט לְפִי כְּבוֹדוֹ אוּן נִיט דָאס אִיז זַיְין עִנְיָן. זַיְין עִנְיָן אִיז גָאר לֶערְנֶען דִי מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל וִוי צוּ פִירְן דִי אִידְן, אָבֶּער נִיט הָאבְּן צוּ טָאן מִיט אֲנָשִׁים שֶׁאֵינָם כְּשֵׁרִים. פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז בְּשָׁעָה שֶׁנִּסְתַּלְּקוּ אַהֲרֹן וּמִרְיָם, אוּן עֶס אִיז נִיטָא קֵיין אַנְדֶערֶער וָואס זָאל זִיךְ דֶערְמִיט פַארְנֶעמֶען, דַאן נֶעמְט דֶער רֹאשׁ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶר אַלֵיין עוֹסֵק'ט זִיךְ אִין דִי עִנְיָנִים, הֲגַם עֶס אִיז נִיט לְפִי עֶרְכּוֹ.

## Every Person a Leader

**8. *Tanya*[48] states that every Jew possesses a spark of Moshe. Therefore, the above provides a lesson for every Jew:**

**Although each person has his own mission, nevertheless, when** – in a parallel sense – **the well that came in Miriam's merit and the Clouds of Glory that came in Aharon's merit are lacking, and there is danger from "fiery serpents and scorpions,"** every person must be prepared to take on an expanded role. **It is demanded of each one that he should seek to restore the**

ח. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין תַּנְיָא[לו] אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נִיצוֹץ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, בְּמֵילָא אִיז דָאס אַ הוֹרָאָה פַאר יֶעדֶער אִידְן אַז הֲגַם יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיְין עִנְיָן, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן בְּשַׁעַת עֶס פֶעלְט דֶער בְּאֵר שֶׁבִּזְכוּתָהּ שֶׁל מִרְיָם אוּן דִי עֲנָנִים שֶׁבִּזְכוּתוֹ שֶׁל אַהֲרֹן, אוּן עֶס אִיז פַאראַן דִי סַכָּנָה פוּן נְחָשִׁים שְׂרָפִים וְעַקְרַבִּים, דַאן מָאנְט מֶען בַּיי יֶעדֶער אֵיינֶעם, עֶר

---

44. As ***Rambam*** states **at the end of *Hilchos Shemitah VeYoval,*** a Jew who dedicates himself to G-d's service spiritually attains the levels of a *Levi.* Indeed, the wording *Rambam* employs there indicates that such a person attains the level of a *kohen* and, even, a *Kohen Gadol.*

45. See ***Berachos* 18b.** As mentioned in *Bava Metzia* 30a, if a *kohen* sees a lost object in a cemetery, he may not enter the cemetery to return it for doing so causes him to violate the prohibition against incurring ritual impurity.

46. See ***Kiddushin* 32b,** which states that זקן, Hebrew for "elder," is an acronym for the phrase **זה שקנה חכמה**, "one who has acquired wisdom."

47. See *Bava Metzia* 30a, which states that a Torah scholar should refrain from returning a lost object when returning it will compromise his honor.

48. ***Tanya,* ch. 42.**

**well and the Clouds of Glory – without considering whether this is his particular mission or not.**

Our Sages[49] teach, **"No wild animal has dominion over a person unless he appears to it like an animal."** Thus, it could well be that one **personally has nothing to fear from the "fiery serpents and scorpions" because he possesses the Divine image** that characterizes a person untainted by sin, **and, therefore, nothing** foreign **will have dominion over him. Nevertheless, since such a situation does constitute a danger for another person, and it may be that there is no Aharon or Miriam to avert the danger, this becomes a matter of *pikuach nefesh*** (**"mortal concern"**). Now, **for** matters of ***pikuach nefesh*, one must violate the *Shabbos* prohibitions;**[50] **indeed,** matters of ***pikuach nefesh* override the entire Torah.**[51] This applies **even when there are multiple doubts** whether one will indeed be able to save the other person's life, **and even when we are speaking of** only providing the other with additional **brief moments of life.**[52] **Therefore, it is incumbent on** every **person to** accept the responsibility of **ensuring that there will be manna, the Clouds of Glory, and the well.**

**When a person puts himself aside and does not consider whether this is his role or he has a loftier one, but** acts to **bring the Jewish people close to their Father in Heaven, G-d will bring him closer to the members of his household, giving them everything they need, including the most essential matter of all,** enabling them to **fulfill** the charge,[53] **"They shall make Me a sanctuary," a *mitzvah* that applies to** the Jewish people as **a community,**[54] including both **men and women.**[55] **Then, G-d promises, "I will dwell among them"**[53] **– within each and every Jew.**[56]

זָאל זֶען אוּמְקֶערְן דֶעם בְּאֵר מִיט דִי עֲנָנִים - נִיט טְרַאכְטְנְדִיק צִי דָאס אִיז יֶע זַיְין עִנְיָן צִי נִיט.

אוּן הֲגַם אַז עֶר אִיז אַזַא, וָואס עֶר פַאר זִיךְ הָאט כְּלַל נִיט וָואס צוּ מוֹרָא הָאבְּן פַאר דִי נְחָשִׁים שְׂרָפִים וְעַקְרַבִּים, וָוארוּם עֶר הָאט דֶעם צֶלֶם אֱלֹקִים, בְּמֵילָא הָאט אוֹיף אִים קֵיינֶער קֵיין שְׁלִיטָה נִיט, וְוִי דִי גְמָרָא זָאגְט[לז]: אֵין חַיָּה רָעָה שׁוֹלֶטֶת בְּאָדָם אֶלָּא אִם כֵּן נִדְמֶה לָהּ כִּבְהֵמָה, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן, וִוִיבַּאלְד אַז פַאר אַן אַנְדֶערְן אִיז דָאס יֶע אַ סַכָּנָה אוּן עֶס קָאן זַיְין אַז עֶס אִיז נִיטָא דֶער אַהֲרֹן מִיט מִרְיָם'עֶן וָואס זֵיי דַאֲגֶה'נֶען אוֹיף פַארְמַיְידְן דִי סַכָּנָה, אִיז דָאס אַן עִנְיָן פוּן פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ, וָואס אוֹיף פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ אִיז מֶען מְחַלֵּל שַׁבָּת אוּן פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ אִיז דוֹחֶה כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, אֲפִילוּ בַּיי כַּמָּה וְכַמָּה סְפֵיקוֹת, אוּן אֲפִילוּ צוּלִיב חַיֵּי שָׁעָה[לח], בְּמֵילָא דַארְף עֶר זַיְין דֶער וָואס זָאל זִיךְ פַארְנֶעמֶען מִיט דֶעם, אַז עֶס זָאלְן זַיְין סַיי דֶער מָן, סַיי דִי עֲנָנִים אוּן סַיי דֶער בְּאֵר.

אוּן בְּשַׁעַת עֶר וֶועט אַוֶועקְלֵייגְן זִיךְ אוּן נִיט טְרַאכְטְן צִי דָאס אִיז זַיְין עִנְיָן אָדֶער זַיְין עִנְיָן אִיז הֶעכֶער דֶערְפוּן, אוּן וֶועט מְקָרֵב זַיְין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מְקָרֵב זַיְין אִים מִיט זַיְינֶע בְּנֵי בַיִת, גֶעבְּן זֵיי כָּל הַמִּצְטָרֵךְ לָהֶם, וּבְעִנְיָן הָעִקָּרִי פוּן אַלְץ, מְקַיֵּים זַיְין וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ, אַ מִצְוָה וָואס אוֹיפְן צִבּוּר דַּוְקָא[לט], אֲנָשִׁים וְנָשִׁים[מ], וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיְין וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל.

(משיחת י"ב תמוז, תשי"ג)

---

49. ***Sanhedrin* 38b. Note *Shabbos* 151b.** See ***Tanya*, ch. 24,** which explains that this is the reason the lions did not attack Daniel (*Daniel*, ch. 6).

50. ***Shabbos* 132a; *Yoma* 84b.**

51. ***Rambam**, Hilchos Yesodei HaTorah* 5:6; ***Hilchos Shabbos* 2:1.**

52. *Yoma* 85a.

53. *Shmos* 25:8.

54. ***Sefer HaChinuch, mitzvah* 95.**

55. ***Rambam, Hilchos Beis HaBechirah* 1:12.**

56. See the *maamar* entitled *Basi LeGani, 5710*, sec. 1, and the sources cited there.

א) תענית ט, א.
ב) דברים ד, ו.
ג) זהר חלק ג נג, ב. גור ארי' (למהר"ל מפראג) אנפאנג בראשית אין נאמען פון רד"ק.
ד) פירוש המשניות להרמב"ם סנהדרין פרק י יסוד ח.
ה) סנהדרין צט, ב.
ו) בראשית לו, כב.
ז) דברים ו, ד.
ח) מכילתא בשלח – פתיחתא. במדבר רבה א, ב. תנחומא בשלח, ג.
ט) זע לקו"ש ח"ב עמוד 323 הערה יט.
י) יומא עה, א.
יא) פירוש המשניות להרמב"ם עירובין פרק ג משנה א.
יב) יומא עה, א.
יג) מנחות צט, ב. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן הלכות תלמוד תורה פרק ג הלכה ד.
יד) זע תורה אור צח, ג.
טו) לקוטי תורה במדבר פד, ד. און זע קונטרס העבודה פרק ז.
טז) זע יומא פו, א. רמב"ם הלכות יסודי התורה פרק ה הלכה יא.
יז) תניא ענדע פרק ו.
יח) מגלה עמוקות אופן קפו (געבראכט אין ילקוט ראובני אנפאנג פרשת בראשית. אין ילקוט חדש ערך תורה סימן קעח. ועוד). ויש שהעירו מזהר חדש רות על הפסוק וזאת לפנים בישראל. ואף שמספר בני ישראל הוא יותר מששים רבוא כן ירבו, הנה נודע שמספר זה הוא מספר השרשים וכל שרש מתחלק לששים רבוא ניצוצות שכל ניצוץ הוא נשמה אחת – תניא פרק לז עיין שם.
יט) זע זהר חלק ג עא, א. תיקוני זהר תיקון כה.
כ) ספר השיחות קיץ ה'ת"ש עמוד 12.
כא תניא פרק נא.
כב) זע הלכות תלמוד תורה לאדמו"ר הזקן ענדע פרק א.
כג) אין מדרש תהלים – הוצאת באבער – קאפיטל עח הערה קנב ווערט געבראכט די דאזיקע גירסא אויף משה רבנו ע"ה.
כד) אבות פרק א משנה יב.
כה) זע אויספירלעך לקו"ש ח"ב עמוד 316 און ווייטער.
כו) במדבר כ, כט און ילקוט דארט.
כז) אבות דרבי נתן ריש פרק יב.
כח) סוטה פרק א, משנה ז.
כט) סוטה יא, ב.
ל) ילקוט שמעוני רמז קסב.
לא) סוטה יא, ב. יג, ב. מגילה יד, א.
לב) סוטה יא, ב.
לג) תענית ז, א. תניא פרק ד.
לד) זע לקו"ש ח"ב עמוד 317 הערה יב.
לד*) ברכות יח, ב.
לה) קדושין לב, ב.
לו) פרק מב.
לז) סנהדרין לח, ב. ועיין שבת קנא, ב. תניא פרק כד.
לח) שבת קלב, א. יומא פד, ב. רמב"ם הלכות שבת פרק ב הלכה א.
לט) ספר החינוך מצוה צה.
מ) רמב"ם הלכות בית הבחירה פרק א הלכה יב.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie